# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים עיה"ק אומאן**

הדלקת הנרות..................**6:39**
מוצאי יו"ט......................**8:05**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך..........................הושע י"א
בבלי.........................זבחים ט'
ירושלמי...................סוטה ט"ז
תוספתא...................ערכין ד'
רמב"ם................מלוה ולוה ג'


ראש השנה, שנת תשפ"ו לפ"ק

*שנה 15, גליון 1 (719)*


# בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב') אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען וַוארְפְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים. דֶערְפַאר, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען זָאל אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פַאר דִיר, אַלֶעס וָואס אִיךְ און מַיינֶע קִינְדֶער און אַלֶע וָואס זֶענֶען תָּלוּי אִין מִיר וֶועלְן טוּן, זָאל אַלֶעס זַיין אַזוֹי וִוי דוּ ווילְסְט". אוּן דַאן דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ עֶס פִירְט זִיךְ יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פִירְן דֶעם טָאג אַנְדֶערְשׁ, ווִיל מֶען אוֹיךְ נָאר אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל. דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַאר עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אָדֶער אַ יוֹם טוֹב, גֶעבְּט מֶען עֶס אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט זָארְגְן, צִי מֶען הָאט יָא יוֹצֵא גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז מַסְכִּים אַז עֶר זָאל עֶס פִירְן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

יֶעצְט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר, קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעם גַאנְצֶע יָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע יָאר, אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים פוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר זָאלְן זַיין נָאר אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין ווִילְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם". אוּן אַזוֹי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים, וִוי שְׁטַארְק אִיז מַיין ווִילְן אִיז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וואוֹיל, עֶר פִירְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאגְט עֶר אָבֶּער כָאטְשׁ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין, וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט טוּן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א וְסִימָן ס"ו).

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"א): "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטְס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער נָאר גוּטְס טוּן מִיט אוּנְז, אוּן אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע יָאר". דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"א) אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר וואוֹיל אִיז דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטְס אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "עֶס וֶועט זִיכֶער קוּמֶען אַ גוּטֶע פֵיינֶע יָאר", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א): "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֶען צוּ רֶעדְן וִוי וֵוייניגֶער". דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ג) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ צְוֵוייטְן: "וָואס הָאלְסְטוּ קוּמְט זִיךְ פַאר יֶענֶעם וָואס הָאט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס?" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט: "פַאר אַזָא זַאךְ קוּמְט אִים אַ גְרוֹיסֶע עוֹנֶשׁ!" אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעצְט הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

סְפֶּעצִיעֶל אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען אָפְן דִי סִפְרֵי חַיִּים וְסִפְרֵי מֵתִים, מֶען אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר, דַארְף מֶען זִיכֶער זַיין גֶעוָוארֶענְט, נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ אַסַאךְ, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּסְקְ'נֶען פַאר זִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיין מוֹיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן רֶעדְט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"א:) "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען דַארְף אוֹיךְ וֵויינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה". בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וָואס אִיז מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט יֶעדְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דָאס טַאקֶע מַאכְט אוֹיךְ וֵויינֶען אוּן חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֵויינְט פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פֵיינֶע גוּטֶע יָאר.

(סֵפֶר הנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה)

# אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין נָאךְ אַ יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז אַזָא שִׂמְחָה! דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען אִיבֶּער'חַזֶר'ן וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַלֶץ רֶעדְן בַּיי דִי לֶעצְטֶע דְרָשָׁה רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: מֶען דַארְף זִיךְ מִיטְנֶעמֶען אַלֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער עִיקָר הָעִקָּרִים פוּן רֶבִּי'ן אִיז: "תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת". דָאס מֵיינְט 'אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד', אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז

<<<<<<

## א גוט ווארט

עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען מַאכְט דָארְט וִידּוּי דְּבָרִים, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט פוּן וֶוען מֶען אִיז גֶעבּוֹירְן, אַלֶעס וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט. מֶען זָאגְט אַרוֹיס מִיט דִי מוֹיל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי גֵייעֶן אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי בֵּיינֶער, וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיים טוּן דִי עֲבֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אַ פְּרוֹי שְׁרֵייט בַּיים קֵבֶר פוּן אִיר טַאטֶע, הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנו): "דוּ הֶערְסְט וִוי דִי פְּרוֹי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶּער קֵיינֶער הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיס, אִיר טַאטֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ קֵבֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער צַדִּיק אִיז יָא דָארְט אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ, וַוייל וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּבּ צוּם צְוֵוייטְן שְׁטוּבּ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּבּ אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרַייעֶן 'טַאטֶע' וֶועל אִיךְ דִיךְ זִיכֶער הֶערְן, אַזוֹי וֶועט זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרַייעֶן 'טַאטֶע', וֶועל אִיךְ דִיךְ הֶערְן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן". (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ד)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# גֵיי צוּם צִיוֹן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, כ"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לפ"ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין אוּמַאן; אַזוֹי פִּיל תְּפִילוֹת הָאבְּן מִיר גֶעבֶּעטְן אַ גַאנְץ יָאר, יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן יֶעצְט זֶענֶען מִיר דָא, דַארְפְן מִיר זֶען אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט גֵיין זוּכְן מְצִיאוּת בַּיי דִי רוּסִישֶׁע גוֹיִם, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם נִכְשָׁל וֶוערְן אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ'; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז אַז מֶען גֵייט נָאר צוּם צִיוֹן, אוּן אִין דִי אִיבֶּערִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין דַיין דִירָה. בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אוּנְזֶערֶע ד' אַמוֹת, אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ פוּן אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס יֶעדֶער לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג, אַ פְּלַאץ פוּן קְדוּשָׁה, וואוּ אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים רֶעדְן אֵיידֶל וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן וְכוּ', נָאר בְּלַייבּ זִיצְן אִין דַיין דִירָה, לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן זַיי עוֹסֵק זִיךְ צוּצוּגְרֵייטְן אַלֶע הֲכָנוֹת פַאר יוֹם טוֹב.

יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אִין אוּמַאן גֵיי צוּם צִיוֹן אוּן גִיס דִיר אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס אִיז אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער מִיּוֹם הִוָּלְדְךָ; זֵיי זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְצֵייל אִים בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דוּרְכְפֶעלֶער, דַיינֶע מַחְשָׁבוֹת דִיבּוּרִים וּמַעֲשִׂים וָואס זֶענֶען נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וַוייל בַּיים צִיוֹן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַ בַּאגְלֵייבְּטְן אִיד, אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר; הָאט דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיוֹן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, פְּלוּצְלִינְג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד, אוֹיךְ אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ זַיין זוּן, דֶער קִינְד הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַּארַאלַאזִירְט אוֹיף זַיינֶע פִיס רַחֲמָנָא לִצְלַן, אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעטְרָאגְן אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלֶען, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ זַייט אוּן גֶעוַוארְט ווִילַאנְג אַלֶע וֶועלְן אַהֵיים גֵיין. עֶס אִיז גֶעוָוארְן נָאכְמִיטָאג וֶוען אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוְוענֶען מִנְחָה, הָאט דֶער אִיד צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוֹן צוּ אֵיין פְּלַאץ, אוּן עֶר הָאט אַרַיין גֶעזֶעצְט זַיין קִינְד אִין דִי שְׁטוֹיבּ, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אוּן גֶעוֵויינְט אַז זַיין זוּן זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר זָאל קֶענֶען גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע פִיס. פְּלוּצְלִינְג שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶער קִינְד אוֹיף זַיינֶע פִיס גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין כְּאַחַד הָאָדָם, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם קְלוֹיז דַאוְוענֶען מִנְחָה מִיט זַיין טַאטֶע, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶער פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן צוּזַאמֶענֶעמֶען דִי שְׁטוֹיבּ פוּן צִיוֹן אוּן אַרַיין זֶעצְן זַיין קִינְד אִין דֶעם, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פְּשָׁטוּת: "פוּן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, וואוּ דֶער רֶבִּי פַארְצֵיילְט אַז דֶער חִגֵּר הָאט גֶעהֶערְט וִוי דֶער זוּן זָאגְט פַאר דִי לְבָנָה אַז עֶס אִיז דָא אַ 'אָבָק', וָואס אוֹיבּ מֶען טוּט אַרַיין דִי פִיס אִין דִי שְׁטוֹיבּ וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט; אִיךְ הָאבּ זִיךְ
<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן הֶערְט צוּ וָואס אִיךְ רֶעד. פַאר אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲבֵרִים אוּן מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ אַלֶץ נָאכְגֶעקוּקְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעוואוּסְט אַז עֶפֶּעס אֱמֶת הָאבְּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז זֵיי הָאבְּן עֶפֶּעס אַ סוֹד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶער אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, גֶעבְּט דֶער צַדִיק אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא נֶעבְּן מִיר, דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּבּ, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, עֶר דְרֵייוְוט אַ קַאר, אָדֶער עֶר גֵייט אִין גַאס, מַאךְ שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט דִי לִיפְּן, קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין פְרֵייליךְ". מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, אוּן מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס עֶס טוֹיג נִישְׁט, זַיי מִיר מוֹחֵל אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל גֵיין דַאוְוענֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל לֶערְנֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קְרִיג זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ וִויל זַיין אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ". מֶען רֶעדְט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף כַאפְּן דִי בָּאס, אִיךְ דַארְף כַאפְּן דִי פְלִיגֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע וֶועג, אִיךְ דַארְף יֶעצְט בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי זִיךְ אַהִין צוּ טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַלֶעס קֶענֶען בַּאצָאלְן".

"אָבֶער תַּכְלִית גֶערֶעדְט, פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבּ גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב?" - בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז תַּכְלִית! עֶס אִיז פַארְקֶערְט וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן גֶעלְט, אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין פְּלַאן זָאל מַצְלִיחַ זַיין', אָבֶער דֶער עִיקָר יְשׁוּעָה קוּמְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וואוּ זַיין יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען, אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ דַארְף אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף אוֹיסְשְׁטַאפִּירְן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע", "הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ וִויל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער".

דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף.

### זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מִצְוֹת

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַן עִיקָר; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט קִיּוּם הַמִּצְוֹת, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ פֵּיאוֹת, אַ בָּארְד, אַ קַאפְּל, צִיצִית, תְּפִילִין, אִיךְ הִיט שַׁבָּת. דָאס וָואס מֶען זֶעט לֵיידֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דַאוְוענֶען נִישְׁט אוּן טוּעֶן נִישְׁט אָן קַיין תְּפִילִין, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דִי זַאכְן זֶענֶען חָשׁוּב, מֶען הָאט אִים נָאר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז 'הוּנְדֶערְט בְּלַאט גְמָרָא' אִיז חָשׁוּב, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַ לַמְדָן' וָואס זָאל אִיךְ טוּן?! זָאג אִים וִוי חָשׁוּב עֶר אִיז מִיט זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת! דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן עִיקָר. פְרֵיי זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, וִוי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִיךְ בִּין, וִוי פַארְשְׁמִירְט אִיךְ בִּין, אִיךְ בִּין אַ פָּגוּם, אָבֶער אַ אִיד בִּין אִיךְ! אִיךְ בִּין גֶע'מַל'עֶט, אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין דִי אֱמוּנָה אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר שׁוֹין מְחִילַת עֲווֹנוֹת! מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אִין יֶעדֶע בְּרִיוו, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעקוּקְט עֲבֵירוֹת, אָדֶער גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, אָדֶער עֶר אִיז אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶועלְכֶע נָאמֶען מֶען וֶועט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אִים, אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר אִים, עֶר זָאל גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, - אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁנֶעלֶע תְּשׁוּבָה, אָבֶער אַ שְׁוֶוערֶע, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלַן אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם
<<<<<<

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק שֵׁנִי

**יא. הַתְּפִלָּה שֶׁל רַבִּים נִשְׁמַעַת יוֹתֵר כְּשֶׁהֵם בִּכְנוּפְיָא מִמַּה שֶּׁהֵם מְפֹרָדִים.** וֶוען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט זֵייעֶר תְּפִלָּה מֶער אוֹיסְגֶעהֶערְט וֶוען זֵיי זֶענֶען צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִינְאֵיינֶעם, וִוי וֶוען זֵיי זֶענֶען בַּאזוּנְדֶער צֶעטֵיילְט.

**יב. לִפְעָמִים אֵינָהּ בָּאָה הַיְשׁוּעָה אֶלָּא עַד שֶׁיִּתְפַּלְלוּ כַּמָּה בְּנֵי אָדָם, וְלֹא דַי בִּתְפִלַּת יָחִיד.** צוּמָאל קוּמְט נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה נָאר בִּיז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג נָאר דִי תְּפִלָּה פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֲבֵירוֹת פַארְלֶעשְׁט דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם", עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט כְּפִירָה.

וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה? דִי עֵצָה אִיז צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מו) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת, סְפֵקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה עֶר זָאל שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דָאס וָוארְט 'קַשְׁיָא' אִיז (תְּהִלִּים כז, ז): "שְׁ'מַע ה' קְ'וֹלִי אֶ'קְרָא", אוֹיבּ מֶען הָאט קַשְׁיוֹת, זָאל מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין דִיר".

אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז מֶען אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ! אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כח, כ): "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת". וַוייל אַפִילוּ עֶס טוּט מִיר עֶפֶּעס וֵויי, וֵוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל מִיךְ נִישְׁט וֵויי טוּן.

אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, אוּן אַרַיין נֶעמֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַהֵיים גֵיין מִיט נְקוּדוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּ, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. מִיר הָאבְּן שׁוֹין נֶעכְטְן גֶערֶעדְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זַיין פַּרְנָסָה, וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט זַיין שֵׂכֶל"; מֶען דַארְף דָאס חַזֶר'ן מִיט דִי קִינְדֶער. פַארְוָואס זָאלְן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זִיךְ צִיפְּן דִי בָּארְד, וִוי וֶועמֶען וִוילְסְטוּ אוֹיסְקוּקְן? וִוי אַ זִינְגֶער?! - וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זַיין פַּרְנָסָה! אַ בָּארְד אִיז שֵׁיין! אַ בָּארְד אִיז זִיס!

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן קוֹל, "אַ מְחַיֶה אִיךְ הָאבּ אַ קַאפְּל! אַ מְחַיֶה אִיךְ הָאבּ צִיצִית! וָואס אִיךְ בִּין - בִּין אִיךְ, אָבֶּער צִיצִית הָאבּ אִיךְ! אַ מְחַיֶה אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה!", וֶוען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ קוּשׁ אִיךְ דִי מְזוּזָה, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין הַיינְט", וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים קוּשׁ אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי מְזוּזָה אוּן אִיךְ זָאג: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם".

טֵייעֶרֶע טַאטֶעס! אַז אִיר הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דַארְפְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן קוֹל, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן, אַנְשְׁטָאט דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן זַיין טַאטֶע שְׁרֵייט, רֶעדְט פָּאלִיטִיק, רֶעדְט קֶעגְן אַנְדֶערֶע, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן, זָאלְן זֵיי הֶערְן וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען קוּמְט צוּרִיק אַרַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער זָאגְט מֶען זֵיי: "לָאמִיר קוּשְׁן דִי מְזוּזָה אוּן זָאגְן 'שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען", נֶעם צוּזַאם דַיינֶע קִינְדֶער מַאךְ תְּפִילוֹת צוּזַאמֶען מִיט זֵיי. אוּן אוֹיבּ דוּ הַאלְסְט אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַיין זוּן וִויל דִיר וַוייזְן זַיין שֵׁיינֶע שְׁפִּילְצֵייג וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, זָאג אִים: "טַאטִי קֶען נִישְׁט יֶעצְט קוּקְן, טַאטִי רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" אַזוֹי גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(מִתּוֹךְ דְּרָשַׁת נְעִילַת הֶחָג, מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ג)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# נָאכְאַמָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וֶועל פְרֶעגְן אִיבֶּער עֶפֶּעס וָואס לָאזְט מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה. עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן פַארְאַיָאר פַאר דִי יָמִים נוֹרָאִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוּיל אוּן עֶרְלִיךְ, אִיךְ גֵיי שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דַאוְוענֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס טַאקֶע גֶעמֵיינְט מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶוען עֶס אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען לְמַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן מַיין צוּזָאג.

דָאס יָאר וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּצוּגֵיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזָאגְן אַז אִיךְ גֵיי דַאוְוענֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הַאלְט עֶס סַיי וִוי נִישְׁט אַיין, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל אִיךְ אָבֶּער יָא אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס טוּט מֶען דָא?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אִיךְ וֶוער שׁוֹין מְיוּאָשׁ פוּן אַזוֹיפִיל מָאל דוּרְכְּפַאלְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן וְכוּ'.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר; טְרַאכְט אַרַיין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר גֵייט אִין גַאס אוּן פַאלְט אַרָאפּ, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן, אֲפִילוּ עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן גֶעפַאלְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְן אִין גַאס אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: "אִיךְ הֵייבּ זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיף, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", נָאר וִויפִיל מָאל אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר פַאלְן וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אוּן עֶר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ דִי הֶענְט אָדֶער פִיס וֶועט מֶען אִים נֶעמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אִים לֵייגְן אַ גִיפְּס וְכוּ'; הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זָאגְן: "אִיךְ בְּלַייבּ מִיטְ'ן צֶעבְּרָאכֶענֶעם בַּיין, אִיךְ גֵיי דָאס נִישְׁט פַארְעֶכְטְן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעפַאלְן"? קֵיינְמָאל וֶועסְטוּ נִישְׁט הֶערְן אַזַאנְס פוּן אֵיינֶעם; דֶעמָאלְט פַארְוָואס בְּרוּחְנִיּוּת זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט"? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן: "כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי (מִיכָה ז, ח)", אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן אוּן אִיךְ הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט פַארְיָאר אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן, אִיךְ הָאבּ פַארְיָאר צוּגֶעזָאגְט אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, יֶעצְט גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזָאגְן אִיךְ גֵיי זַיין גוּט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר: טוּ תְּשׁוּבָה פוּנְדָאסְנֵיי; זָאג נָאכְאַמָאל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֵיי זַיין גוּט"; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעזָאגְט נֶעכְטְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ יֶעדֶעס מָאל פוּנְדָאסְנֵיי תְּשׁוּבָה טוּן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה - שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז מֶען מוֹחֵל פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; זָאג דִי וֶוערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר, יֶעדֶע מָאל זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ צוּרִיק צוּ מַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים; אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי מְיוּאָשׁ פוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים"; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער טוּעֶן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה. גְמָרָא אִיז נוֹטְרִיקוֹן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל, דִי פִיר מַלְאָכִים וֶועלְכֶע הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיטְן פוּן צוּרִיק פַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**
**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תָּבֹא תשע"ט)

# לֶעבּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (רכד)

## תשמח

דֶערְנָאךְ אִיז ר׳ זַלְמָן אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס לַייט, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ״זַלְמָן דֶער קְלֵיינֶער״, עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִינְאֵיינֶעם מִיט רֶבִּי נָתָן (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן ת׳).

דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים גָאר אַסַאךְ, אוּן אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, ״וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז צוּ גֵיין אוֹיפְ׳ן וֶועג אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, אוּן דֶעריבֶּער וִויל אִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין אִין דִי וֶועלְט, דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ אַלֶע רַבָּנִים אוּן גְדוֹלִים צוּ נֶעמֶען פוּן זֵיי אַן הַסְכָּמָה אוֹיף מַיין סֵפֶר״, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים מִיטְגֶעגֶעבְּן עֶטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים מִיט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס סֵפֶר.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן אַז וֶוען דֶער צַדִּיק אָדֶער גָדוֹל וֶועט אַרַיינְקוּקְן אִינֶעם סֵפֶר, זָאל עֶר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס פָּנִים, אוּן זֶען דִי רֶעאַקְצְיֶעס אוֹיפְ׳ן פָּנִים בַּיים לֵיינֶען דֶעם סֵפֶר, ״אוּן זָאלְסְט דָאס אַלֶעס אָפְּשְׁרַייבְּן, אוּן דֶערְנָאךְ עֶס בְּרֶענְגֶען צוּ מִיר״, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט צוּ ר׳ זַלְמָן דֶער קְלֵיינֶער.

ר׳ זַלְמָן אִיז גְלַייךְ צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין וַוייבּ אַז עֶר הָאט אַ שְׁלִיחוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַרוּמְצוּפָארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט צוּ נֶעמֶען הַסְכָּמוֹת אוֹיף זַיין סֵפֶר, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת פוּן זַיין וַוייבּ צוּ גֵיין אוֹיף דִי שְׁלִיחוּת, וַוייל וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ וֶועט עֶס נֶעמֶען אַ לֶענְגֶערֶע צַייט. זַיין וַוייבּ הָאט גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

## תשמט

דִינְסְטָאג, כ״ו טֵבֵת, אִיז ר׳ זַלְמָן דֶער קְלֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זי״ע, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע הַסְכָּמָה פַארְ׳ן סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דָאס אִיז דִי הַסְכָּמָה:

הִנֵּה יָד כְּתוּבָה אֵלַי בְּאֶצְבַּע אֱלֹקִים חָרוּת אֲשֶׁר שָׁלַח אֵלַי חַד מִן קָמַּיָּא, הֲלֹא הוּא מְחֻתָּנִי, חֲבִיבִי וִידִידִי הָרַב הַמָּאוֹר הַגָּדוֹל, אִישׁ קָדוֹשׁ, מוֹפֵת הַדּוֹר, נֵר יִשְׂרָאֵל, פַּטִּישׁ הַיְמִינִי, עַמּוּד הֶחָזָק, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן, נֵרוֹ יָאִיר, לִקּוּטִים הַמְּלֵאִים לַה׳ אָמִיר מָלֵא וְגָדוּשׁ בְּיִרְאַת אֱלֹקִים בִּדְבָרִים מֵשְׂכָּלִים שֵׂכֶל אֱלֹקִים.

וְעִיַּנְתִּי בָּהֶם עַל נָכוֹן, וְהִנֵּה מְאֹד יָשְׁרוּ בְּעֵינַי דְּבָרִים נִכְבָּדִים כָּאֵלּוּ, וְלֵית דִּין צָרִיךְ בּוֹשֵׁשׁ, כִּי הַדְּבָרִים מֵאֲלֵיהֶם יְעִידוּן וְיַגִּידוּן דְּבַר אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ לְפִי עָנְיָנוֹ וְדִבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים.

וְהִנֵּה הַאי גַּבְרָא רַבָּא לֹא צָרִיךְ לְדִידִי וְלֹא לִדְכְוָתִי. כִּי מָה אֲנִי, וּמַה חַיַּי, שָׁפָל וְנִבְזֶה, חֲדַל אִישִׁים, וּמֵעוֹלָם לֹא הָלַכְתִּי בִּגְדֹלוֹת וּבְנִפְלָאוֹת מִמֶּנִּי לִתֵּן הַסְכָּמָה עַל סְפָרִים חֲדָשִׁים. אָמְנָם לְאַהֲבַת הָאֱמֶת אָמַרְתִּי עִנְוְתָנוּתֵהּ דְּמַר גָּרְמָא לִי.

וְהִנְנִי מִן הַמַּסְכִּימִים לְהוֹצִיא לָאוֹר תַּעֲלוּמוֹת חָכְמָה, וְהִנְנִי לֹא אָבֹא עַל הַלְטוּתָא אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה כְּמוֹתָהּ בְּהַדְפָּסָה בְּעֶרֶךְ עֶשֶׂר שָׁנִים מִיּוֹם דִּלְמַטָּה, כִּי בְּלֹא זֶה לֵיקוּם בְּ״אָרוּר אֲשֶׁר יַשִּׂיג״ וְכוּ׳, וּלְהַשּׁוֹמֵעַ תָּבוֹא עָלָיו בִּרְכַּת טוֹב.

הַיּוֹם יוֹם גִּימֶ״ל כ״ו יָמִים לְחֹדֶשׁ טֵבֵת תקס״ח לפ״ק פֹּה לוּבְּלִין.

כֹּה דִּבְרֵי הָאוֹהֲבוֹ, הֲגַם שֶׁאֵינֶנִּי יוֹדְעוֹ וּמַכִּירוֹ, וּמְצַפֶּה טוֹבָתוֹ וּבְרִיאוּתוֹ וּשְׁלוֹמוֹ תָּמִיד.

יַעֲקֹב יִצְחָק בֶּן מוֹרֵנוּ הָרַב רֶבִּי אַבְרָהָם אֱלִיעֶזֶר הַלֵּוִי הוֹרְוִויץ

דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי״ע הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֶעהוֹיבְּן פַאר דֶעם קְלֵיינֶעם ר׳ זַלְמָן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר הָאט אִים גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס אִיז אִים אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען צוּ קֶענֶען מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַרוּמְצוּפָארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט צוּ נֶעמֶען הַסְכָּמוֹת אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק״

<<<<<< א בריוו פון ראש ישיבה שליט"א

גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ וִוי דִי שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּינְ׳ס צִיּוֹן, וואוּ אַלֶע קוּמֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז הֵיילִיג״; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז בַּיים צִיּוֹן קֶען מֶען אַלֶעס פוּעֶלְ׳ן, אוֹיבּ מֶען נִיצְט אוֹיס דִי צַייט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

גֶעבּ אַכְטוּנְג זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט לֵצִים; גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין וִויכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם, לֵיצָנוּת אִיז אַזַא הַארְבֶּע זַאךְ אַז עֶס פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סִפְרֵי מוּסָר (שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ, מַסֶּכֶת יוֹמָא, פֶּרֶק דֶּרֶךְ חַיִּים וְתוֹכַחַת מוּסָר): ״לֵיצָנוּת אַחַת דּוֹחֶה מֵאָה תּוֹכָחוֹת״, אֵיין לֵיצָנוּת נֶעמְט אַוֶועק הוּנְדֶערְט דְרָשׁוֹת פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶער הֵיילִיגֶער מְסִילַת יְשָׁרִים בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר (מְסִילַּת יְשָׁרִים, פֶּרֶק ה), אַז לֵיצָנוּת אִיז וִוי אַ פַּאנְצֶער קֶעגְן יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן לג): ״שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁאָמַר, אוֹי וַאֲבוֹי! כִּי הָעוֹלָם מָלֵא מְאוֹרוֹת וְסוֹדוֹת נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, וְהַיָּד הַקְּטַנָּה עוֹמֶדֶת בִּפְנֵי הָעֵינַיִם, וּמְעַכֶּבֶת מִלִּרְאוֹת אוֹרוֹת גְּדוֹלִים״, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״גִיוַואלְד! דִי וֶועלְט אִיז פִיל מִיט לִיכְט, אוּן פִיל מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹדוֹת, אוּן דֶער קְלֵיינֶע הֶענְט פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס״. הָאט מוֹהֲרָא״שׁ שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּם רֶבִּי׳ן, אוּן הֶערְט הֶערְלִיכֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - סֵיי מִיט זִיךְ אַלֵיין, סֵיי מִיט פַּרְנָסָה, סֵיי מִיט אַ וַוייבּ, אוּן סֵיי מִיט קִינְדֶער, אוּן מִיט וָואס נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ עֵצוֹת אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אָבֶּער גֶעוַואלְד! דִי קְלֵיינֶע הֶענְט פַארְשְׁטֶעלְט אַלֶעס; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ ׳לֵץ׳ וָואס טְרֶעפְט דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר וֶוערְט מְקוּרָב, אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: ״וואוּ דְרֵייסְטוּ זִיךְ? אוּן וֶוען יֶענֶער עֶנְטְפֶערְט אִים אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ לִיכְטִיג וִוינְקֶל, מַאכְט דֶער לֵץ מִיט דִי הֶענְט אַזַא תְּנוּעָה פוּן בִּיטוּל; אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעשְׁרִיגְן: ״גֶעוַואלְד״. אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁרֵייעֶן: גֶעוַואלְד!

ר׳ נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן אַז לֵיצָנוּת אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטּוּמְאָה; עֶס נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא טוּמְאָה וָואס פַארְשְׁטֶעלְט גִילּוּי אֱלֹקוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וִוי דִי טוּמְאָה פוּן לֵיצָנוּת, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): ״הַבָּא לִיטַּמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ״, אֵיינֶער ווִיל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, שֶׁנֶּאֱמַר (מִשְׁלֵי ג, לד): ״אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ״; וַוייל דוּרְךְ לֵיצָנוּת פַּאלְט מֶען אַרָאפּ אוּן דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

מֶען זֶעט וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים, אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): ״אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב״, אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים, אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז, אוּן וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט, אוּן מִיט וֶועם עֶר חַבְרְ׳ט זִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

ר׳ נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים; עֶר פְלֶעגְט זָאגְן בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט, הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן״, אוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶע׳טַעֲנָה׳ט אוּן זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ גֶעוֶוען, זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועק גֶעפַאלְן. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן בִּכְלַל, אוּן אִין אוּמַאן בִּפְרַט, וֶוען מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, נִישְׁט צוּ טַעֲנֶה׳עְן מִיט זֵיי, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס וִוי חֲסִידִי׳שֶׁע אִינְגֶעלַייט.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשע״ז)


## קינדער רייד

הערליכע מעשיות, טרעפליכע חידות, געאייגנט פאר עלטערע קינדער. הערט און האט הנאה

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 5, 8**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**